# UCLA

## Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn

### Title

Bashevis Zinger In Yidish Un In Iberzetsung (Bashevis Singer in Yiddish and in Translation)

### Permalink

https://escholarship.org/uc/item/6mt240tr

### Journal

Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn, 93(1)

### Author

Kats (Katz), Eliahu (Elijah)

### Publication Date

1979

### Copyright Information

Copyright 1979 by the author(s). All rights reserved unless otherwise indicated. Contact the author(s) for any necessary permissions. Learn more at https://escholarship.org/terms

Peer reviewed

eScholarship.org Powered by the California Digital Library
University of California

אליהו קאַץ / בוירקלי, קאַליפ.

# באַשעוויס זינגער אין יידיש און אין איבערזעצונג

יצחק באַשעוויס זינגער איז שוין פון לאַנג אַ פּראָבלעמאַטישע פיגור פאַר דער יידישער ליטעראַטור און פאַרן יידישן לייענער. ס'איז אָן צווייפל אַז ער איז אַן אויסערגעוויינלעך באַגאַבטער דערציילער מיט אַ הויך אַנטוויקלטער פאַנטאַזיע און אָן אַ שיער ענערגיע, וואָס איז קענטיק סיי אינעווייניק אין זיינע דערציילונגען, סיי אין דעם, וואָס די דערציילונגען און ראָמאַנען פליסן ביי אים אָ פּנים אָן אַן אָפּשטעל.

ווען דער נאָבעל קאָמיטעט האָט אים צום יאָר 1978 צוגעטיילט די נאָבעל פּרעמיע פאַר ליטעראַטור האָט זיך קיין יידיש־לייענער ניט געקענט פילן אַנדערש ווי צופרידן, וואָס די ליטעראַטור אויף יידיש האָט זיך ענדלעך דערשלאָגן צו דער פאַרדינטער אנערקענונג. אָבער צו דער זעלבער צייט זיינען נאָך בולטער אַרויסגעטראָטן די פּאַראַדאָקסן אַרום דער דאָזיקער אינטערעסאַנטער ליטעראַרישער פּערזענלעכקייט. הגם באַשעוויס שרייבט טאַקע אויף יידיש וועגן אַ סביבה בכלל אַ יידישע, מיט יידיש־רעדנדיקע פּערסאָנאַזשן, ווערן זיינע ווערק געלייענט, דאָס רוב, אין ענגלישע, פראַנצויזישע, דייטשע און אין כלערליי אַנדערע איבערזעצונגען; זיי ווערן אפילו ניט געדרוקט אין בוך־פאָרם אין דער יידישער שפּראַך. און דערצו, ווי דער ערשטער און מסתמא דער איינציקער יידיש־ריידנדיקער נאָבעל לאַורעאַט נעמט באַשעוויס אָן אַ מין סימבאָלישן באַטייט ווי אַ רעפּרעזענטאַנט פון דער ליטעראַטור אויף יידיש בכלל, בשעת פאַר אַ גרויסן טייל יידיש־לייענערס איז ער גאָר ניט אַזוי רעפּרעזענטאַטיוו.

עס שטייט אין ערגעץ ניט געשריבן אַז אַ נאָבעל פּרייז־טרעגער מוז מיט זיך פאָרשטעלן דאָס „טיפּישע" פון זיין נאַציאָנאַלער ליטעראַטור. פאַרקערט, מען שאַצט אָפּ אין אַ מחבר, צווישן אַנדערע מעלות, אַקוראַט דאָס, וואָס ער טראָגט צו עפּעס וואָס איז ניי, אָריגינעל, אייגנאַרטיק. און דערצו איז אויך אמת, אַז אַ רייכע אַנטוויקלטע ליטעראַטור באַשטייט פון כלערליי פאַרשיידן־פאַרביקע, אָפּט סתירהדיקע טענדענצן און שטרעמונגען, אַזוי אַז בכלל ריידן פון אַ „טיפּישן" שרייבער פאַרמינערט און מאַכט איבעריק פּשוט די קאָמפּליצירטע קולטורעלע און קינסטלערישע אייגנשאַפטן פון דער ליטעראַטור. אָבער פון דעסטוועגן איז עס ניט קיין גוזמא צו זאָגן, אַז אַ גרויסע צאָל יידיש־לייענערס פילן, אַז באַשעוויס שטעלט מיט זיך פאָר עפּעס וואָס איז אויסטערליש, פרעמד און אפילו פריקרע אין דער יידישער ליטעראַטור ווי אַ גאַנצע. פון וואַנען נעמט זיך אַזאַ געפיל?

דער דייטשישער אַנטיפאַשיסטישער שרייבער טאָמאַס מאַן, בשעת די נאַציס האָבן אים פאַרטריבן פון דייטשלאַנד, האָט באַמערקט, אַז די ווערק פון אַ שרייבער זיינען אַ פועל־יוצא פון אַ קעגנזייטיקער דערציערישער באַציונג צווישן באַשעוויס אַנטי־אוטאָפּיזם, אויף אַזוי פיל אויף וויפל ס'איז געווענדט קעגן דעם פאַלשן משיחיזם פון אַ שבתי צבי, אַ יעקב פראַנק און — אין אונדזער צייט — פון קאָמוניזם, איז עס געזונט און קלוג. אָבער דער אַנטי־משיחיזם איז כוללדיק, אַרומנעמיק און שטייגט איבער דער פּאָליטישער טעאָריע. עס איז אַנטי־משיחיזם פּער סעי, ווי אַזעלכער, באַגרינדעט אויף אַן עקסטרעם סאָציאַלן פּעסימיזם. דאָך אין גיהינום פון די קאָנצענטראַציע קעמפּס האָבן יידן פּראָקלאַמירט: דאָס גיין צו דער גאולה איז גאולה. אָן דער משיחישער הבטחה, דערוואַרטונג, וואָלט יידישע געשיכטע און גורל געווען ווי אַ מזבח מיט האָלץ אָבער אומבאַווירט פון פייער.

אָט די קשיות (און אַנדערע) קענען פון דעסטוועגן אָפּגעלייגט ווערן פאַר דער צוקונפט. פאַר איצט איז פּאַסיק זיך צו פרייען צוזאַמען מיטן לאַורעאַט באַשעוויס זינגער און מיט אַלע וואָס האַלטן טייער די יידישע ליטעראַטור.

דעם מחבר און זיין לייענער־עולם, וואָס איז געבויט אויף געמיינזאַמע השערות, וועלכע דער מחבר אַליין האָט זיי געהאָלפן שאַפן. די דאָזיקע באַמערקונג פּאַסט ווי געמאָסטן אויף דער יידישער ליטעראַטור. די „קלאַסישע" יידישע ליטעראַטור פון מענדעלעס צייט אָן האָט זיך אַנטוויקלט אין אַ כסדרדיקער קעגנזייטיקער באַציונג צווישן מחברים און לייענערס, אין וועלכע די שרייבערס האָבן געשריבן דאָס וואָס זיי האָבן געהאַלטן פאַר וויכטיק פאַרן פאָלק, בשעת די לייענערס האָבן אַקצעפּטירט און אָפּגעשאַצט די ווערק אין אַ גרויסער מאָס ווענדליג ווי וויט די ליטעראַטור האָט זיך באַשעפטיקט מיט די ענינים, די פראַגעס, די זאָרגן און די סתירות מיט וועלכע דאָס פאָלק איז געווען אַ נוגע־בדבר. די יידישע ליטעראַטור איז געווען תמיד אַן אַנגאַזשירטע און זי האָט פאַרמאָגט אין גאָר אַ גרויסער מאָס אָט דעם שטריך וואָס דער אירישער קריטיקער, קאָנאָר קרוז אָ'ברייען, רופט אָן מיטן נאָמען „מאָראַלישע שייכותדיקייט". דערפון האָט זיך גענומען אַז די יידישע ליטעראַטור איז געווען צווישן אַלע מאָדערנע נאַציאָנאַלע ליטעראַטורן אפשר די פּאָפּולערסטע, אין דעם זין, וואָס זי איז געווען פאַרשפּרייט און האָט געווירקט אויף גאָר ברייטע שיכטן פון דעם יידיש־רעדנדיקן עולם.

דאָס מיינט ניט, פאַרשטייט זיך, אַז יעדער יידישער שרייבער האָט זיך דער עיקר אָפּגעגעבן מיט סאָציאַלע ענינים, און אַז מחברים האָבן זיך באַגרענעצט און זיך געהאַלטן ביי איינפאַכע פאָרמען אָדער ביי אַ סטיל וואָס האָט געדאַרפט זיין צוגענגלעך דעם לייענער וואָס שטייט אויף דעם סאַמע נידעריקסטן ניוואָ פון בילדונג און קולטור מבינות. וואָס דאָס מיינט יאָ, איז, אַז כמעט אַלע יידישע שרייבערס האָבן געשאַפן זייערע ווערק אין אַ געוויסן קאָנטעקסט, און האָבן גענומען אַ שטעלונג צו די צענטראַלע פראַגעס, צי בפירוש, צי ניט דערזאָגט; צי פּאָזיטיוו, צי נעגאַטיוו. דער קאָנטעקסט איז געווען אַ ברייטער און אַ קאָמפּליצירטער. ער שליסט איין אַזעלכע טעמעס ווי ייד און מענטש, טראַדיציע אין דער מאָדערנער וועלט, רעליגיע און וועלטלעכקייט, גייסט און חומר, סאָציאַלע גערעכטיקייט און קלאַסן־קאַמף, ווי אַזוי דער מענטש קען זיך אויפפירן עטיש אין אַ רישעותדיקער וועלט און ווי אַזוי דער ייד קען זיך אויסלעבן יידיש אין אַ גויאשער וועלט.

די שטעלונג פון דער יידישער ליטעראַטור איז איבערוועגנדיק די וועלטיקע, אַ קאָנקרעטע. ד"ה, אַ די־וועלטיקע, אַז די קאָנקרעטע מאַטעריעלע באַדינגונגען פון דעם יידישן לעבן און די פּראַקטישע, טעאָרעטישע און פילאָסאָפישע פּראָבלעמען וואָס וואַקסן פון אָט די באַדינגונגען אַרויס האָבן צום גרעסטן טייל באַשעפטיקט די שרייבערס. און דערצו דאַרף מען צוגעבן אַז ביי דאָס רוב יידישע שרייבערס איז ניט שייך אָפּצוזונדערן דעם באַגריף „יידישקייט" (ד"ה פשוט „זיין אַ ייד") פון דעם באַגריף „ציבור". אין דער יידישער ליטעראַטור, געוויינלעך, שפּילט זיך אויס דער גורל פון דעם יחיד אין באַרירונג אָדער אין קאָנפליקט מיטן קיבוץ.

דאָס וואָס שטויסט טייל יידיש־לייענערס אָפּ פון באַשעוויסעס ווערק באַשטייט גראָד אין דעם, וואָס זיי שטייען ביז אַ גרויסער מאָס מחוץ דעם דאָזיקן קאָנטעקסט. שוין מיט זיין ערשטן ראָמאַן האָט באַשעוויס אָנגעוויזן די ריכטונג פון זיין לעבנס־אַרבעט. „דער שטן אין גאָריי" קומט פאָר אין אַ יידיש שטעטל אין די יאָרן נאָך דער שבתי צבי מהומה. באַשעוויס וויזט אין דעם ווערק אַרויס זיינע שפּאַנענדיקע דערציילפעיקייטן, זיין טיפע באַהאַוונטקייט אין דעם מזרח־אייראָפּעישן יידישן פאָלקלאָר, און זיין שפּראַכלעכע און סטיליסטישע מייסטערשאַפט. עס געלינגט אים דורך אַ געראָטענעם באַנוץ פון שפּראַך און סטיל נאָכצומאַכן דעם אַרכעיזם פון די אַלטע פאָלקס־ביכער אַזוי אַז דאָס בוך לייענט זיך כלומרשט ווי אַן אַרכאַישע פאָלקס־געשיכטלעכע כראָניק פון די געשעענישן. סטיל און אינהאַלט ווירקן צוזאַמען אַזוי אַז פאַרן לייענער באַקומט זיך דער איינדרוק פון אויסטערלישקייט, עקזאָטישקייט און בייזע פינצטערניש. דער טאָן איז דורכויס אַ פּעסימיסטישער, כמעט אַן אַפּאָקאַליפּטישער..

דער ראָמאַן שילדערט דעם צעפאַל פון דער יידישער קהילה אין גאָריי. די מאַטעריעלע פאַרבאַדינגונגען צו דער דאַזי־

קער ירידה ווערן טאַקע אַנגעצייכנט: די כמעלניצקי גזירות און די דעמאָראַליזירנדיקע איינרעדענישן מכוח דעם אַנקומענדיקן משיח. אָבער דער צעפּאַל איז ניט דער עיקר אַ פּועל־יוצא פון די דרויסנדיקע אומשטענדן. ער קומט פאַר גיכער צוליב דעם, וואָס די מענטשן זיינען גרייט זיך צוצוהערן צום שטן, ווייל זיי קענען אים ניט גובר זיין. דער רבי, ר' בייניש, איז ניט בכוח צו געווינען דעם עולם אויף זיין זייט. די קהילה קען זיך ניט איניקן און צעטיילט זיך אין מערערע פּיינטלעכע כיתות. קינאה און שינאה הערשן איבעראַל. טייל יידן פירן אויס גוואַלד־מעשים קעגן אַנדערע יידן. די פלאַג גנבעט זיך אַריין אפילו צו ר' ביינישן אין שטוב און ער מוז פאַרלאָזן דאָס שטעטל אַ דערשלאָגענער אי פיזיש, אי מאָראַליש. דער שטן איז מנצח.

דאָ אין דעם ערשטן ראָמאַן פירט שוין באַשעוויס אַריין די איבערנאַטירלעכע פיגורן וואָס פּילן אַן אַזוי פיל פון זיינע ווערק: שדים, בייזע רוחות, דיבוקים. עס איז קלאָר, אַז זיי פונקציאָנירן ניט בלויז ווי מעטאַפאָרן פאַר די אומראַציאָנעלע אָדער אַמאָראַלישע באַשטאַנדטיילן פון דער מענטשלעכער פּסיכיק און פירונג נאָר בפירוש ווי פאַרשטייער פון די בייזע כוחות וועלכע באַשעוויס נעמט אויף ווי אַ ממשותדיקן עלעמענט פון דער וועלט־אָרדענונג; און ניט נאָר אַן עלעמענט, נאָר מסתמא דעם פירנדיקן עלעמענט. ווי איין רעצענזענט האָט מיט עטלעכע יאָר צוריק געשריבן: אין די ווערק פון באַשעוויסן נעמט מערסטנס דער טייוול דאָס לעצטע וואָרט. אין תוך, מיט ווייניק אויסנאַמען, הערשן אין די שפּעטערדיקע ווערק פון באַשעוויסן די זעלבע שטריכן: דורכויסיקער פּעסימיזם, עקזאָטישקייט וואָס גרענעצט זיך אָפט מיט גראָטעסק, צעפּאַל פון אַלע געזעלשאַפטלעכע פאַרבינדונגען און אַ פאַסצינירונג מיט דער טעמע: זינד.

פריער אַ פּאָר ווערטער וועגן דער עקזאָטישקייט ביי באַשעוויסן. אין דער גרויסער צאָל ווערק זיינע, וואָס קומען פאָר אין יידישע שטעטלעך אָדער אין דער יידישער וואַרשע איז די סביבה פאַרן יידיש־ריידנדיקן לייענער אַ קענטלעכע און אַ היימישע, צי דורך פּערזענלעכער דערפאַרונג, צי דורך באַהאַוונטקייט אין דער מזרח־אייראָפּעישער יידישער געשיכטע און קולטור. פאַר אַזעלכע לייענערס שאַפט זיך די עקזאָטישע אַטמאָספערע — ערשטנס, פּשוט דערפון וואָס דער מחבר פירט אַריין אין זיינע ווערק עקזאָטישע פיגורן, ווי למשל: די אויבן־דערמאָנטע שדים, רוחות, אד"גל. און צווייטנס — און דאָס איז דער עיקר — וואָס ער באַהאַנדלט זיי דורכויס זאַכלעך און קאַלטבלוטיק. ער שילדערט זיי אָן שום פאַנטאַסטישע פיטשעווקעס, נאָר כלומרשט ריאַליסטיש, ווי אַ נאָרמאַלן טייל פון דער יידישער און מענטשלעכער לעבנס־סביבה.

עס פאַרשטייט זיך, אַז פון דער כלומרשטער נאָרמאַליזירונג פון דער דעמאָנען־וועלט באַקומט זיך אַ דעמאָניזירונג פון דער נאָרמאַלער וועלט. די ממשותדיקייט און די טאָג־טעגלעכקייט פון די מאַטעריעלע און סאָציאַלע באַדינגונגען ווערן צעשטערט און פּראָבלעמאַטיש. דעם יידיש־ריידנדיקן לייענער קומט דאָס אָפט פאָר ווי אַ מין טריק. טייל יידיש־לייענערס וואַרפן אָפּ באַשעוויסעס שילדערונגען פונעם שטעטל ניט דערפאַר (ווי מען הערט אַמאָל) וואָס זיי זיינען פּראָווינציעל און קענען ניט ליידן קיין נעגאַטיווע שילדערונגען פון דעם מזרח־אייראָפּעישן יידישן לעבן. (צי דאַרף מען דען זוכן ווייטער ווי מענדעלע, פּרץ, אָדער בערגלסאָן צו געפינען נעגאַטיווע שילדערונגען פון דעם שטעטל?) נאָר דערפאַר, וואָס באַשעוויסעס שיילדערונגען ווייזן זיי אויס צו זיין פאַרקרימט און געפעלשט.

אַן אומגעהייער גרעסערע צאָל לייענערס אָבער לייענען באַשעוויס ווערק דווקא ניט אויף יידיש. זיי האָבן על־פּי רוב ניט קיין דירעקטע צי אַפילו אומדירעקטע פאַרבינדונג מיט דער מזרח־אייראָפּעישער סביבה. פאַר אַזעלכע לייענערס פאַרמאָגן די שטעטלעך פראַמפּאָל, גאָריי און בילגאָריי, און אַפילו די יידישע וואַרשע, במילא אַ היפּשע מאָס עקזאָטיק. דאָס וואָס באַשעוויס שילדערט די פיזישע און געזעלשאַפטלעכע פּרטים מיט דעם זעלביקן ריאַליסטישן טאָן וואָס ער ווענדט אָן אויף די איבערנאַטירלעכע פּערסאָ־

באַזשן אינטענסיפיצירט נאָר פאָר זיי דעם איינדרוק, אַז דאָס גאַנצע מזרח־אייראָפּעיִשע ייִדישע לעבן געהערט ווי עס איז אין די ראָמאַנען פון עקזאָטישקייט און אויסטערלישקייט. אַזאַ מין לייענער איז ניט בכוח צו אונטערשיידן דאָס ווירקלעכע פון דעם פאַנטאַסטישן, און עס גייט אים אפשר אפילו ניט אָן. ער איז גרייט אָנצונעמען באַשעוויסעס שטעטל אויף נאמנות, אויב ניט ווי אַ היסטאָריש־פּינקטלעכע, זאָל זיין ווי אַ קינסטלעריש אויסגעטראַכטע.

אַ געלונגענע קינסטלערישע שילדערונג פון דעם שטעטל באַדאַרף ניט צו זיין פּרטימדיק־פּינקטלעך; זי דאַרף אָבער זיין אמת. פאַרן ייִדיש־ריידנדיקן לייענער איז דאָס אַן עצם פראַגע. פאַרן פרעמד־שפּראַכיקן לייענער שטעלט זיך די פראַגע כמעט אין גאַנצן ניט. אָט דערפאַר ווייזט זיך אויס דעם ייִדישן לייענער אָפט מאָל, אַז באַשעוויס, הגם ער שרייבט אויף ייִדיש, צילט ער אָבער אויף יענע, און פאַרלירט דורך דעם זיין אויטענטישקייט, בשעת פאַרן פרעמד־שפּראַכיקן לייענער איז ער דער סאַמע וואָרצלדיסטער באַשרייבער פון מזרח־אייראָפּעיִשן ייִדיש לעבן.

אַ סך ווערט געשריבן וועגן דעם צי באַשעוויס איז אַ מאָדערנער שרייבער אָדער ניט. אויב מען באַגרענעצט זיך אויף זיין שפּראַך מוז מען דורכויס קאָנסטאַטירן, אַז ער שרייבט ניט מאָדערן. ער מיידט אויס דעם מינדסטן שפּראַכלעכן עקספּערימענט. פאַרקערט, ער זאָגט זיך אָפּ אַפילו אויסצונוצן די פולע רעסורסן פון דער מאָדערנער ייִדישער שפּראַך און האַלט זיך ביי אַן איינפאַכן, כמעט פאָלקיש־אַלטפרענקישן וואָרט־אוצר און זאַץ־געבוי, וואָס ער באַאַרבעט אָבער מייסטערהאַפט. (מען האָט שוין געהערט באַשעוויסן אַרויסזאָגן זיין עפנטלעכע מיינונג, אַז ייִדיש איז אַ שפּראַך וואָס שטעקט אין דעם עבר און האָט ניט קיין שייכות מיט דעם איצט און אַוודאי ניט מיטן עתיד. שוין אין די צוואַנציקער און דרייסיקער יאָרן, בשעת אַ מאָדערן ייִדיש־שפּראַכיק קולטור־לעבן האָט געברויזט סיי אין אייראָפּע, סיי אין אַמעריקע, האָט באַשעוויס געהאַט אויסגעוויילט די טעמאַטיק פון צעפאַלונג און דעם בליק אויף צוריק.) אויך אין זיין דערציילסטיל איז באַשעוויס ניט מאָדערן. ווי שוין געזאָגט, דערציילט ער דירעקט און ריאַליסטיש, ניט געצאַצקעט און אָן חכמות.

ווען מען באַטראַכט אָבער זיינע סוזשעטן און די טעמאַטיק שטעלט זיך אַרויס אַז באַשעוויס זינגער איז בפירוש אַ מאָדערנער שרייבער, ווייניקסטנס אויף ווי ווייט דער מאָדערניזם ווערט אידענטיפיצירט מיט דעם אינטערעס צו דער טעמע: זינד. ווי אַ שרייבער איז באַשעוויס באַנומען פון דער דאָזיקער טעמע, וואָס דריקט זיך ביי אים אויס הויפטזאַכלעך אין שייכות מיט עראָטישע פאַרלאַנגען. מען וואָלט געקענט זאָגן אָן אַ גוזמא, אַז באַשעוויסעס שעפערישקייט באַציט זיך כמעט נאָר אויף איין הויפט געביט: דעם געביט פון יצר הרע. דאָ רעדט זיך ניט וועגן דעם געראַנגל צווישן יצר הרע און יצר טוב, ד״ה וועגן דעם קאַמף פון דעם מאָראַלישן מענטשן בייצושטיין נסיונות, צו קענען לעבן עטיש און אָרנטלעך אין אַ וועלט ווו רשעים און בעל־עברהניקעס ווערן ניט באַשטראָפט, נאָר גיכער גאָר באַלוינט אויב ניט מאַטעריעל איז סענסועל. אָבער ניט וועגן דעם האַנדלט זיך ביי באַשעוויסן. ביי אים איז דער יצר הרע ממש אַ קאָסמישע קראַפט, וואָס מען קען ניט גובר זיין.

ביי באַשעוויסן איז כמעט ניטאָ די מעגלעכקייט פון אַ געוויינטלעכן אָרנטלעכן לעבן. דער מענטש מוז אָדער אין זיך אַליין פאַרקערפערן דעם יצר הרע, אָדער פאַלן פאַר אים אַ קרבן, אָדער זיך אַרויסגליטשן פון זיינע הענט דורך תשובה ביחידות. עס איז ביי אים כמעט ניטאָ קיין פאַל ווו דער ציבור זאָל זיך באַווייזן דורך דער גבורה פון קהלשער צוזאַמענאַרבעט אָדער מאָראַלישער פעסטקייט, אָדער דורך אמונה גובר צו זיין דאָס בייזע. אין בעסטן פאַל קען זיך דער יחיד ראַטעווען דורך איבערמענטשלעכער צידקות, אָפגעזונדערט פון דעם קיבוץ, ווי דער געוועזענער לובלינער קונצן־מאַכער, וואָס לאָזט זיך איינמויערן אין אַ קעמערל און לעבט ווי אַ פרוש.

ווי געזאָגט, ווערט די דאָזיקע פאַסצינירונג מיטן פענאָמען פון זינד כמעט אין

גאַנצן קאָנצענטרירט אויף דעם ענין סעקסועלער פאַרלאַנג. (אין שייכות דערמיט איז כדאי אָנצוּווייזן, אַז פרויען פאַרנעמען אין באַשעוויסעס ווערק גאָר ניט קיין חשובן אָרט. פאַרקערט, ער האָט זיי גיכער פיינט. זיי דינען אים, ווי לעאָן וויזלטיר האָט אַנומלטן געשריבן, ווי רייצונגען זיי צו באַזיצן; ווי די געשמאַקסטע פאָרם פון טרפות). ווען דער ייד פאַרלירט זיין בטחון; ווען דער פילאָסאָף קען מער ניט געפינען קיין טרייסט אין דער פילאָסאָפיע; ווען עס מיגלט דעם קצב — אָדער ער ווערט געפלעפט פון בלוט — איז פאַראַן ביי באַשעוויסן איין תכלית: זיך באַהעפטן מיט אַ ווייב — מערסטנס אָן ליבשאַפט, אָן ווערדע, אפילו ניט שפילעוודיק — מער חייש ווי מענטשלעך.

ווער קען אין צוואַנציקסטן יאָרהונדערט אָפלייקענען, אַז די שליטה פון דעם בייזן קען אונטער געוויסע אומשטענדן דערגרייכן אומגעהייערע מאָסן? ווער קען נאָך פרוּוון אָפּפרעגן, אַז סעקסועלע דראַנגען שפילן אַ קריטישע ראָלע אין דער מענטשלעכער פסיכיק און פירונג? ווער איז דרייסט גענוג צו האַלטן, אַז אין דער היינטיקער וועלט קען אַ פעסימיסטישע אויסזיכט ניט זיין באַרעכטיקט? ניט אין דעם גייט עס. די האַרבסטע באַשולדיקונג קעגן באַשעוויסן באַשטייט אין דעם, וואָס בשעת ער באַשעפטיקט זיך מיט לעבן־און־טויט פראַגעס, מיינט ער עס ניט אין ערנסט. אַלץ זעט אויס צו גרינג, צו גלאַטיק. באַשעוויסעס פילאָסאָפיע, ווי אויך זיין מאָראַל, איז אַן אויבנאויפיקע. ער דערקענט לייכט חסרונות פון דעם אַלטן פרומען לעבנס־שטייגער, ווי אויך די אַנטוישונגען פון דער וועלטלעכער פאָליטישער אָריענטירונג, וואָס האָט עס געדאַרפט פאַרבייטן. אָבער עס שפירט זיך ניט ביי אים דער געראַנגל נאָך נייע ווערטן, נאָך אַ בעסערער פירונג; ניט אפילו קיין אויפריכטיקער ייאוש. ער פאַרענטפערט דאָס אַלץ מיט אַ מין פלאַטשיקן ניהיליזם, וואָס דערלויבט אַז זיינע רוחות, שדים און דיבוקים זאָלן מגולגל ווערן אין פיגורן פון אַ שוידער־פילם, וואָס טוען אַ קיצל דעם עולם, וואָס איז פאַרכאַפּט פון דעם היינט־מאָדישן דעמאָניזם.

מען זאָל אים וועלן נעמען ערנסט, געהערט באַשעוויס צו יענע קינסטלער ווי באָדלער און דאָסטאָיעווסקי, וועלכע ווייזן אַרויס אַ מאָדנע פאַרשטענדעניש פאַר די פינצטערע, ניט ראַציאָנעלע, אָפט פאַרברעכערישע קאָמפאָנענטן פון דעם מענטשלעכן כאַראַקטער און אויפפיר. היינטיקע צייטן ווערט ביי טייל קריטיקערס און דענקערס אָנגענומען אַז גראָד די דאָזיקע קאָמפאָנענטן שטעלן מיט זיך פאָר די עכטע, די עצמדיקע, אָדער ווייניקסטנס, די סאַמע אינטערעסאַנטסטע עלעמענטן אין דער מענטשלעכער פסיכיק. דאָס לעצטע איז אַ געשמאַק זאַך; וועגן די אַנדערע איז דאָס לעצטע וואָרט נאָך ניט געזאָגט געוואָרן. קיין מחבר איז ניט מחויב צו פאַרטרעטן דעם אָדער יענעם בליק בנוגע דעם עצם פון מענטשלעכקייט. אָבער אַז אַ שרייבער ווייזט אַרויס אַזוי פיל פאַרשטענדעניש פון דער שאָטנדיקער זייט מעג מען אים חושד זיין אַז זיי פאַרשטענדעניש גרענעצט זיך מיט אַ מין עמפאַטישן מיטגעפיל. ווי זאָגט דער פראַנצויז: טו קאָמפּראַנדר — סיע טו פאַרדאָנע; אַז מען פאַרשטייט אַלץ, מוז מען אַלץ מוחל זיין.

מיר האָבן שוין איזי אונדזער צייט געזען צו וואָס די בייזע כוחות זיינען מסוגל און אפשר איז שוין בכלל צייט ווייטער אָנצוהייבן באַזינגען די כוחות פון ליכט, פון ליבשאַפט, פון שכל, וואָס שטעקן דאָך אויך אין דעם מענטשן — בפרט פאַרן יידיש־לייענער איז דאָס אַוודאי אַן ענין. די פריערדיקע יידישע שרייבערס — אַזוי ווי ניט זיי זאָלן האָבן באַשריבן די שווערקייטן, די אַכזריות, און רישעות פון דער וועלט — זיינען פעסט צוגעשטאַנען צו דעם צד פון ליכט און שכל. באַשעוויס זינגער שוועבט, אַזוי צו זאָגן, אין דער לופטן און באַטייליקט זיך ניט אין אָטדעם קאַמף.

וואָלטן מיר פאַרמאָגט היינט־צו־טאָג אַן אַקטיווע פונאַנדערגעבויטע יידישע ליטעראַטור מיט אַ סך פאַרשיידנאַרטיקע באַטייליקטע, מיט פאַרשיידענע פאָליטישע, עסטעטישע און פסיכאָלאָגישע ריכטונגען, וואָלט באַשעוויס געגאָלטן ווי איינער צווישן אַ סך אַנדערע: אַ טאַלאַנטירטער אידיאָ־סינקראַטישער שרייבער מיט אַן